NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01981

BROYT MIT HOLEM

Kehos Kliger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאָטעק

סעריע ז׳ נומ. 1

*

קעהאָס קליגער

ברויט מיט חלום

(לידער פאַר קינדער)

*

ארויסגעגעבן פון דער
צווישאַ און שלום עליכם-שולן
בוענאָס - איירעס
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN, 1950

איידישע פאָלקס ביבליאָטעק
Montreal - מאָנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

פון אייגענעם מחבר:

גערזאַנג אויף דער ערד (לידער און באַלאַדעס), 1941

מיט לייב און לעבן (לידער און באַלאַדעס) 1943

אַ פייפל אין פרימאָרגן (לירישע לידער), 1944

די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן (לידער און באַלאַדעס), 1950.

*

ברויט מיט חלום,
חלום מיט ברויט ;
טעג מיט שלום,
נעכט — אָן שרויט.

רו פאַר גלידער,
אַ וויג מיט פרייד ;
מילך מיט לידער
פאַר קינד אָן קייט.

וועלט מיט זומער,
אַ זון אין שויב ;
האַרץ — אָן קומער,—
קינד מיינס, גלויב !

*

566

געהייליקט מיינע פלימעניקלעך

בתיה׳לען און דוד׳לען און אַלע

יידישע קינדער, וואָס דער נאַצי־

דייטש — ימח שמו — האָט פאַר־

שניטן פון דער וועלט.

דער מחבר

* * *

„ברויט מיט חלום״, אַזוי הייסט דאָס ביכעלע לידער, וואָס דער דיכטער קעהאָס קליגער טראָגט צו אַ מתנה פאַר די קינדער פון די יידישע שולן.

קעהאָס קליגער אַליין, ווען ער איז געווען נאָך אַ קינד, האָט קיין יידישע שול, אַזאַ ווי עס האָבן אונדזערע קינדער, נישט געהאַט. ער האָט אין זיינע קינדער־יאָרן געהאַט ווינציק פרייד, און דערפאַר אָבער האָט ער זיך דורכגעווייקט מיט ליידן, סיי זיינע אייגענע און סיי די ליידן פון אַנדערע קינדער און גרויסע, וואָס יידן און נישט־יידן זענען אויסגע־שטאַנען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פון קינדווייז אָן איז ער געווען צאַרט און עמפינדלעך, און דעריבער האָבן די ליידן זיך איינגעקריצט אין זיין נשמה און זיי לאָזן אים נישט באַפרייען זיך פון יענע איבערלעבונגען. ער האָט געפילט דעם ביטערן טעם פון הונגער און פון מלחמה, דערפאַר פילט ער מיט אַזוי טיף די, וואָס לעכצן נאָך ברויט און נאָך שלום, נאָך אַ היים און נאָך רו.

זיינע איבערלעבונגען און געפילן דריקט קעהאָס קליגער אויס אין זיינע לידער. ער שרייבט אַ סך און אויף פאַרשיידענע טעמעס. אָבער אַלע שאַפונגען זיינע צייכענען זיך אויס מיט אַ לירישן און טיף־הומאַנעם טאָן.

אין זיין שרייבן, ווי אין זיין לעבן, איז ער פשוט, איינפאַך. אָבער אין דעם טאָקע ליגט די עכטקייט פון זיין פּאָעטישן טאַלאַנט. ער איז אַ שרייבער מיט גרויסע מעלות, ווייל זיינע לידער רעגן אַלע מאָל אָן צו טראַכטן וועגן זיי, און פירן אַריין דעם מענטשן אין אַנדערע וועלטן.

די מערסטע לידער זיינע האָט קעהאָס קליגער געשריבן נישט פאַר קינדער, נאָר פאַר גרויסע. אָבער עס זעט אויס, אַז אַפילו דעמאָלט ווען ער שרייבט פאַר גרויסע, האָט ער אין זינען די קינדער — די שוואַכע, די שוצלאָזע, די אומבאַהאָלפענע. און דאָס איז דער יסוד פון זיינע קינסט־לערישע שטרעבונגען :

געבן געזאַנג די טרויעריקע,
געבן פרייד די אומגליקלעכע.

די לידער וועלכע גייען אריין אין דעמדאזיקן ביכעלע, האט דער דיכטער — אין לויף פון פארשיידענע יארן איבער די לענדער פון זיין וואנגל, — געשריבן טאקע ספּעציעל פאר קינדער. און געהאט האט ער, בעתן שרייבן, אין זינען די הערשעלעך און דודלעך — די קינדער פון זיין היים־שטאט, וואס זענען שוין מער, ליידער, נישטא, און די טויזנטער יידישע קינדער פון ארגענטינע און פון אומעטום, וועמען ער וויל מיט זיין גאנצער ליבע פארהיטן פון שלעכטס, פון ליידן און פון נויט.

קעהאס קליגערס לידער זענען א שיינע און זייער ווערטפולע מתנה פאר דער יידישער שול. די קינדער וועלן די לידער לייענען, לערנען און זינגען, און דורך דעם געזאנג וועלן די קינדער איינאטעמען אין זיך דעם דיכטערס ליבע צום מענטשן, צו דער וועלט, צו שיינקייט און גערעכטיקייט.

דאס וועט זיין פארן דיכטער דער בעסטער שכר, ווייל דאס, אייגנט־לעך, איז זיין איינציקער און גרעסטער באגער.

חיים פינקעלשטיין

פענער

איך האָב ליב אַלע פענער,
אָן קיין אונטערשייד;
קאָלירן זענען טענער
און טענער — איז פרייד.

און טענער זענען לידער
פון יעדן פאָלק און לאַנד
און פעלקער זענען ברידער,
געגלידערט האַנט אין האַנט.

הענט אין הענט פרידלעך,
מיט ליבשאַפט טיף באַזעלט, —
צו בויען אומדערמידלעך
אַ שיינע, גוטע וועלט.

אַ גרויסע וועלט, אַ נייע,
ווי אונדזער האַרץ באַגערט
אויף דער ערד — אַ פרייע,
וואָס אַלעמען געהערט.

וואָס גיט ברויט מיט חלום,
אויסגעמישט מיט גליק, —
איך ליב די פאָן פון שלום,
איך האַס די פאָן פון קריג.

1944

שול ־ ביבליאָטעק

עלנט

אונטער סטעליע אויסגענעצט,
קאַלטע ווענט מיט שימל, —
אונדזער מאַמע האָט אונדז נישט
מיט אַ קוש פאַרדרימלט.

נישט קיין ווייסינק ציגעלע,
ווי אין לידל איז פאַראַנען, —
אונטער אונדזער וויגעלע
איז קיינמאָל נישט געשטאַנען.

איינגעוויגט האָט אונדז אַ זיפץ,
אויפגעוועקט די זאָרגן,
ווייל אונדזער טיש מיט ברויט און מילך
איז נישט געדעקט פרימאָרגן.

אונדזער מאַמע — געל, ווי וואַקס,
קראַנק און פול מיט דאגות, —
האָט דאָס לעבן אויסגעהוסט
און פון דער וועלט געגאַנגען.

האָט די גאַס אונדז איינגעקלעמט
אין אירע בייזע אָרעמס
און ווי יונגע ביימעלעך —
אויסגעשטעלט צו שטורעמס.

1936

ברויט מיט חלום

פישל איז אַן עלנט קינד,
קיין מאַמע נישט, קיין טאַטע;
נעכט נישט אויסגעשלאָפענע,
טעג — נישט קיין זאַטע.

וואָגלט אום דאָס ייִנגעלע
אויף גאַסנדיקן ברוק;
ווייטיק אויף זיין פּנימל,
אומעט אין זיין בליק.

ליגט פישעלע פאַרצאָגט,
ליגט אַזוי פאַרטראַכט — — —
פּלוצים אַ לבנה שווימט
אַרויס אין מיטן נאַכט.

אַ קיילעכיק לבנהלע,
ווי אַ וואַרעם לעבל ברויט — — —
צאַפּלט אויף דאָס ייִנגעלע,
ציטערט אַזש פון פרייד.

שטעלט זיך אויף די נעגעלעך,
ציט די הענטלעך אויס,
אָט כאַפּט ער אָן דאָס ברויטעלע,
ליגט עס אין זיין שויס.

ער דראַפּעט זיך אויףביימלעך,
דערקריכט צום סאַמע הייך,
נאָר אַלץ נאָך מיט די פינגערלעך
צום ברויטל נישט דערגרייכט.

ברעכט ער אָפּ אַ צווייגל,
שטרעקט עס אויס ווי ווייט,
נאָר אַלץ נישט צו דערלאַנגען
ער קען צום לעבל ברויט.

צעיאָמערט זיך דאָס פישעלע
און ביטער, נעבעך, וויינט:
„ווען מיינע קליינע הענטלעך
וואָלטן לענגערע געווען!"

הערש־דודל

דאָס ייִנגעלע הערש־דודל
האָט ליב אַביסל פּאָווידל, —
גאָרנישט אויסצומאָלן!
ער וואָלט עס, ווי אייך זאָגן?
(וואָלט ער נאָר געקראָגן!)
גענאַשט פון גאַנצע שאָלן.

געוואַלדעוועט הערש־דודל:
— „מאַמע, גיב מיר פּאָווידל,
אַנישט וועל איך — עקן!"
און ס'ציט אַרויס דאָס ייִנגל
אַ רויט־פּאַרסלינעט צינגל
און טוט זיך אַזש באַלעקן.

זאָגט מאַמע מיט אַ שמייכל:
— „פּאָווידל איז אַ מאכל,
אָבער נישט פאַר אונדז, קבצנים;
גענוג, אַז אייל, אַ קנאָבל,
קאַרטאָפליעס און אַ באָבל
איז אין שטוב פאַראַנען".

אָבער דודל פּייערט:
— „גיב מיר פּאָווידל, נייערט
אַ פּליטקע שאָקאָלאַדע!"
ענטפערט אים די מאַמע ווייך:
— „נו, אַדרבא, גיב אַ זוך,
צי ליגט וואָס אין קאָמאָדע..."

טוט דודל גרינג און יונג
גלייך צו דער קאָמאָד אַ שפּרונג
און נישטערן נעמט ער;
געפינט ער נישט קיין גראָשן,
קומט ער צוריק אָן לשון
צו דער מאַמען אַ פאַרשעמטער.

1935

בייגעלעך

ס׳איז דער טאַטע ניטעלעם
אַוועק אין דער פֿאַבריק:
פֿאַרלירט ער דאָרט דאָס לעבן —
און קומט נישט מער צוריק.

איז די מאַמע ניטעלעם
פֿון צער געוואָרן קראַנק.
ליגט זי קרעכצנדיק אין בעט
שוין חדשים-לאַנג.

אין שטוב נישטאָ קיין ביסן ברויט,
אין שטוב איז קאַלט און נאַס.
איז ניטעלע געוואָרן —
אַ הפקר-קינד פֿון גאַס.

בלאָנקעט ניטעלע אַרום
אַ באָרוועסער אין שטאָט:
— אַך, ווען איך וואָלט האָבן,
נישט קיין סך — אַ זלאָט! 1)

איך וואָלט אַ קאָשיק בייגעלעך
געטראָגן אין די הייף,
געשריגן אויף מיין קולכל:
— „בייגל איך פֿאַרקויף!״

1934

1) זלאָט(ע) — אַ פּוילישע מטבעה, אַ פּעזע בערך.

דאָס שוסטערל

בענע האָט אַ העמערל,
פּלעקלעך אויך מיט זיך, —
זיצט ער אויף אַ בענקעלע,
פאַריכט אַליין די שיך.

בויערט טיף אַ לעכעלע
מיט דער שאַרפער אָל,
באַלד דערנאָך אַ פלעקעלע
קלאַפּט אַריין אין זויל.

לעכלט ער, פּלעקלט ער
און דער האַמער שלאָגט;
שלאָגט אַזוי דאָס שוסטערל
דעם שוך אַ גאַנצן טאָג.

ער זינגט דערביי אַ לידעלע,
טאַקע גאָר אַ שיינס:
„איך בין מיר אַ שוסטערל,
אַ שוסטערל אַ קליינס".

און די מאַמע פונדערווייטנס
שטייט און חידושט זיך,
ווי איר קליין בענטשיקל
פאַריכט אַליין די שיך.

1934

אַ ייִנגעלע פון פּוילן

ס'קומט מיר אָפט צו חלום
אַ ייִנגעלע פון פּוילן,
אַ שליחל פון חורבן,
פון די געטאָ-גרוילן.

אַ קיילעכיקער יתום —
דאָס ייִנגעלע פון פּוילן,
זיין טאַטעליו, זיין מאַמעליו —
געהאָנגען און געקוילעט.

נאַקעט, האָלע-גאָלע איז
דאָס ייִנגעלע פון פּוילן, —
די פיסעלעך אָן זאָקן,
די שיכעלעך אָן זוילן.

פון זיין פאַרמעט-פּנימל —
דעם ייִנגעלעס פון פּוילן,
גליען היים די ייִדישע
צוויי אייגעלעך, ווי קוילן.

ער שטייט פאַר מיר צעשמייכלט
דאָס ייִנגעלע פון פּוילן,
נאָר שמייכלענדיקע טרערעלעך
פּערלען זיך פאַרהוילן.

קוק איך אויפן יידעלע —
דעם יינגעלע פון פוילן
און כ׳שעם מיך פאַר זיין נאַקעטן
האַלע־גאַלע הולך.

איך שעם מיך פאַרן שמייכל
דעם יינגעלעס פון פוילן,
דאָס פאַריתומט יידעלע, —
דאָס שעפּסעלע ס׳ווילע.

כ׳דערקען מיין אייגן ברודערל
אינעם יינגעלע פון פוילן,
מגילות בלוט און פייער
אויפן פּנימל זיך קנוילן.

פאַל איך אויף די קני פאַרשעמט
פאַרן יינגעלע פון פוילן,
כ׳קוש אים זיינע פיסלעך אויס,
די באָרוועסע, די הוילע.

און דאָס בלוט מיינס יאָמערט,
קלאָגט בקולי־קולות:
— אוי, מיר זאָל זיין פאַר דיר,
מיין יינגעלע פון פוילן.

1947

שיכעלעך פון געטאָ

כ'האָב געכטן אויף אַ קעסטעלע
געטראָפן שיכלעך צוויי,
פון דעמאָלט אָן באַגלייטן זיי מיך,
ווו איך שטיי און גיי.

זיי שערווען זיך צעשוויגענע
דורך שטאָטישן שאָסיי;
נאָר עפּעס, דאַכט מיר, אַ געוויין
ווײנט אַרויס פון זיי.

שפּעט ביינאַכט, איך קום אַהיים
אין שטוב אַריין צו מיר, —
אַהאַ, איך הער, די שיכעלעך
קלאַפּן אין מיין טיר.

מאַך איך מיך נישט וויסנדיק,
כ'לאָז זיי דרויסן שטיין, —
קומען זיי צו חלום מיר,
אין מיין שלאָף צו גיין.

זיי דערציילן מיר פון בתיהלעך,
מיין שוועסטערס איינציק קינד, —
וואָס איז אַוועק קיין בעלדזן 1)
און לעבט שוין נישט אַצינד.

שול - ביבליאָטעק

זיי דערציילן מיר פון דודלען,
דעם יאָטל — מלא־חן,
וואָס צעשפּאָלטן האָט דער דייטש אים
אויפן געטאָ־שטיין.

זיי דערציילן מיר פון מיידעלעך,
פון יינגעלעך אַ סך,
וואָס דער זעלבער רשע האָט
אין פוילן אומגעבראַכט.

דאַכט זיך, בלויז צוויי שיכעלעך,
געטראָפן ערגעצוו, —
און זיי נעמען צו מיין חלום,
נעמען צו מיין רו.

1947

1) בערגן - בעלזן — נאַצישער אויסראָטונגס־לאַגער, ווו יידן זענען אומגעקומען.

תפילה צו אַ פייגעלע

אַלע וועגן צוגעמאַכט,
נישט קיין באַן, קיין שיף, —
ברענג מיר, טייער פייגעלע,
פון מיין היים אַ בריוו.

דורך מיין אַלטער גוטער היים,
וואָס איז אַצינד פאַרוויסט, —
האָט געשפּאַנט אַ שלעכטער מענטש
מיט פייער און מיט שפּיז.

צום הימל דיינע פליגעלעך
הויך און פריי צעלאָז, —
ברענג מיר אין דיין שנעבעלע
מיין מאַמעס צורת-אות.

ברענג מיר פון מיין שטעטעלע
אַ שורה-גרוס, אַ וואָרט,
מיינע שוועסטער, ברידערלעך —
צי לעבן זיי נאָך דאָרט.

1946

שול - ביבליאָטעק

אָרעמקייט

אוודאי זענען נאָך פאַראַן
יינגעלעך אַ סך,
וואָס האָבן נישט קיין בעט,
וואָס האָבן נישט קיין דאַך.

וואָס האָבן נישט קיין מילך,
קיין העמדל נישט, קיין שוך, —
זיי גייען נישט אין שול
און האָבן נישט קיין בוך.

זיי פוצן פרעמדע שיך,
זיי שלעפּן פרעמד געפּעק;
אַרום וואָקזאַל, ביים פּאָרט —
מ׳זעט זיי אַלע טעג.

אויף די ראָגן זעט מען זיי
מיט הילכיקן געשריי;
אַ צייטונג, אַ זשורנאַל —
דאָס פאַרקויפן זיי.

ווייל ערגעץ אין „לאַ וועגאַ״, 1)
אונטערן מאַפּאָטשאָ-בריק, 2)
וואַרט אויף זיי אַ שוועסטערל
לאַנג שוין הונגעריק.

זי וואַרט אויפֿן ברודערל
און דעם טרוקענעם גאַליעט, 3)
צו קייען דעם מאָלצייט —
דעם פּיסנעם 4) קוים צו זעט.

שפּעטער — איינגעפלאָכטענע —
אַ פּיסל צו אַ האַנט,
זאַלבעצווייט צו חלומען
פֿון אַ זאַט און גליקלעך לאַנד.

1944

1) לאַ וועגאַ — אָרעמער שטאָט־קוואַרטאַל אין סאַנטיאַגאָ פֿון טשילע.
2) מאַפּאָטשאָ — אַ טייך אין דער זעלבער שטאָט.
3) גאַליעט — אַ שקאָרינקע.
4) פּיסנעם — טרוקענעם.

דער אינדיאַנער און זיין קינד

דער אַלטער אינדיאַנער־טאַטע,
אויף ביידע אויגן בלינד, —
פאַרנאַכט־צו אויף אַ ראָג
זיצט ער מיט זיין קינד.

אַ מאַפּוטשאָ 1) איז דער טאַטע,
פון קאַציקן־שטאַם, 2)
פון טעמוקאָ־דרום, 3)
וועלדער און טאַם־טאַם.

זיין נאָז — שאַרף־לענגעכיק,
די קינבאַקן — פאַרשפּיצט;
דאָס פּנים — האַרט־קופּערדיק,
געפאַלדעוועט, צעקריצט.

וואָס זשע טוט דער טאַטע
פאַרנאַכט אין שטאָט אַצינד? —
ער פייקלט אין אַ פייקל,
טשאַוטשאַס 4) בעט דאָס קינד.

פויקט דאָס פייקל, ווי טאַם־טאַם
פון אורוועלדער אַרויס;
אויף אַ קולכל דאָס קינד
אַ לידל ציקלט אויס.

עכאַט אַפּ אינדיאַנער־ליד
אין הונגער, ברויט-געשריי — — —
ווער ס'האָט אַ האַרץ אַ גוטס,
וואַרפט אַ ניקל זיי.

און דער בלינדער טאַטע
פון קאַציקן־שטאַם,
פּרעפּלט מיט די ליפּן,
דאַס דאַנקט ער מסתּם.

און דער בלינדער טאַטע
פון מאַפּוטשאַ־דור,
שעפּטשעט מיט די ליפּן:
אפשר שעלט ער גאָר?...

1944

1) מאַפּוטשאַס — מענטשן פון אַן אינדיאַנער־שבט.
2) קאַציקן — עלטסטע פון שבט.
3) טעמוקאַ — אַ שטעטל אין טשילע.
4) טשאַוטשאַס — 20 סענטיקע מטבעות.

טשאָלאָ

טשאָלאָ איז אַ שוואַרצינקער,
פון שוואַרצע טאַטע־מאַמע;
געבוירן און דערצויגן
אין געגנט פון לאַ טאָמאַ.

אין געגנט פון לאַ טאָמאַ,
אַרום די בערג קאָסקינער,
אויף די וועגן קאָרדאָבער
פון אונדזער אַרגענטינע.

אויף אַ בערגל אַ באַגרינטס
שטייט די ראַנטשע זיינע
און פון דאָרטן לעגוועס 1) צוויי
לערנען פאָרט אַליין ער.

דאָס כאַלאַטל צוגעשפּילעט,
די העפטן איינגעוויקלט:
— „אַדיאָס, מאַמאַ, פּאַפּאַ!״ —
דאָס קולכל זיינס ציקלט.

ער זיצט שוין פעסט צו רייטן
אויף זיין ווייסער מולאַ, 2)
אַ צי די לייצעס: „וואַ־מאָס, 3)
פיר מיך אין דער שולע;

טראָג מיך, טייער אייזעלע,
איבער בערג און טאָלן
צום נידעריקן מויערל,
דאָרטן איז מיין שולע!״

דאָס אייזעלע (אַן אייגנס איז,
געקויפט פאַר פּעזעס זיבן), —

שטעלט פאַרוים די פיסלעך
אין איילעניש געטריבן.

לויפט די שטעגן גיך פאַרביי,
די שטיין און זאַמדן-שליאַכן;
יאָגט פאַרביי אַ קוועלעכל,
אַ בלוי-פאַרחלומט טייכל.

איילט פאַרביי אַ קוסטיקל,
אין שאָטן שטיל פאַרבאָרגן;
אַ צווייגל שטרעקט זיך אויס
און באַגריסט: גוט-מאָרגן!

די זון פלייצט מיט ליכטיקייט,
מיט שטראַלן זשמעניעס פולע, —
וואַמאָס, אייזל דיך, אייזעלע,
גיכער צו דער שולע!

אַרום איז שטיל פרימאָרגנדיק,
אַרום איז בלויער חלום — — —
טשאַלאַ אויף זיין אייזל רייט
דורך בלויקייט אין דער שולע.

זיין פנימל אַ זון איז,
שמייכלט העל און ציכטיק;
זיין וויים כאַלאַטל פלאַטערט,
ווי אַ פענדעלע אַ ליכטיקס.

איבער בערג — אַ פענדעלע
פון קענטעניש און וויסן,
ווו קינדער און ווו שולן
צו ליבן און צו גריסן.

1940

1) לעגווע — פינף קילאָמעטער (אַרגענטינער מאָס)
2) מולאַ — אייזל.
3) וואַמאָס — היידאַ, ריר דיך!

אַ יינגל פון טאַנטי

אַ יינגל פון טאַנטי,1) — פופצן קוים אַלט,
דאָס פנימל — קופער, געהאַמערטער בראָנדז;
די האָר קוטשעראַוו, זשוקענע שוואַרץ,
דער בליק — בליץ, זוניקער גלאַנץ.

אַ יינגל פון טאַנטי — אַ פניאַק אויפן שטעג,
פאַרגלידערט אין שוואַרצן לייב פון דער ערד;
שטורעם און ווינט — זיין ברודער, זיין פריינד,
אַ פייף און אַ רוף דורך טאָלן און בערג.

אַ יינגל פון טאַנטי — באָרוועסע טריט,
צוויי הענטלעך — וואָרצלען, פיסלעך — זשוואַוו;
אַ שפאַן — איך בין דאָ, אַ שפרייז — איך וועל זיין,
בין דאָ, וועל זיין מענעריש־בראַוו.

אַ יינגל פון טאַנטי — אַ העמדל צעפליקט,
נאָר ס׳גופל — האַרט, ווי האַרטער שטאָל;
מיינע די הויכקייט פון פאַרחלומטע בערג,
מיינע די טיפקייט פון רואיקן טאָל.

אַ יינגל פון טאַנטי — מאַזאָליקער דלאָן,
ליפן — צוויי שאַרפן, ציינער — ווי דלאָט;
זיין שטערן — די ליבשאַפט צו מענטש אומעטום,
אויף אייגענעם גורל צו אייגן באַראָט.

א יינגל פון טאַנטי — דאָס נעזל צעפּלעטשט,
נאָר דורך נאָזלעכער — אָטעם, ברי און גלי;
זיין פרישטיק, זיין מאָלצייט — מאַטע,2) גאַליעט
און זאַט איז ער זאַט, דער יאַט פון טאַנטי.

א יינגל פון טאַנטי — אליין אויף דער וועלט,
נאָר פויסטלעך — שטאַרק, שטייף, ווי אַ צוואַנג;
זיין שלאָף, זיין רו — דאָ צופוסנס דעם טייך,
פאַרוויגט מיטן ליד פון זיין אייביקן גאַנג.

א יינגל פון טאַנטי — זיין וואָרט, זיינע רייד —
די קלאָרקייט פון הימל, זיין טיפסטער בלוי;
דער שטיין, דאָס גרעזל, די קוסט, דאָס גרינס —
זיין פרייד, וואָס העלט, ווי באַגין דער טוי.

1940

1) **טאַנטי** — אַ באַרג־שטעטל אין קאָרדאָבע.
2) **מאַטע** — נאַציאָנאַלער געטראַנק אין אַרגענטינע.

קאַץ, קעצל

קאַץ, קעצל, קעצעלע,
די נעגעלעך באַהאַלט,
מילך אַ פול טעצעלע
כ׳גיב דיר טרינקען באַלד.

קאַץ, קעצל, קעצעלע,
קרום דיך נישט, הער אויף!
אַ ווייך פוטער־פלעצעלע
קויפן דיר איך לויף.

קאַץ, קעצל, קעצעלע,
וויז נישט דיינע ציין,
נאַ אַ פאָדעם־קלעצעלע
און שפיל דיך אליין.

קאַץ, קעצל, קעצעלע,
זיי שוין גוט און פיין,
דו און איך, געצעלע,
לאָמיר חבר זיין.

1935

ביל נישט, הינטל

ביל נישט, הינטל, הינטעלע,
אין קאַנורע 1) קריך אַריין!
די לבנה איז געווען
און אייביק וועט זי זיין.

ביל נישט הינטל, הינטעלע,
שטשירע נישט די ציין,
לבנות צינדן האָפענונג
אין שייבלעך שמאָל און קליין.

ביל נישט, הינטל, הינטעלע,
שווייג און שטיל שוין איין!
לבנה פירט דעם וואַנדערער
אויף זיין שליאַך אַליין.

ביל נישט הינטל, הינטעלע,
דו, נאַריש הינטל מיינס!
די לבנה איז געווען
און אייביק וועט זי זיין.

1936

1) קאַנורע — אַביידל פאַר הינט.

קאַלב, קעלבעלע

קאַלב, קעלבעלע,
מע־מע־מע — — — — —
דיין מאַמע־קו
קומט נישט מער.

קאַלב, קעלבעלע,
שוואַרץ־געפלעקט, —
זי האָט צום חלף
דעם האַלדז געשטרעקט.

קאַלב, קעלבעלע,
יונג און קליין, —
ביסט אַ יתום,
נעבעך, וויין!

קאַלב, קעלבעלע,
ווייך און צאַרט, —
אויך פאַר דיר
דער חלף וואַרט.

קאַלב, קעלבעלע,
ברודערל מיין, —
אַזוי געווען, כאָטש —
ס'דאַרף נישט זיין.

1937

טרעפּ

מיינע הויז־טרעפּ זענען אַלט,
ווער ווייסט זיי וויפל יאָרן!
מאָך און לאָך, טאָל און שפּאַלט,
האַרבאַטע און צעפּאָרן.

שפּעט, ווען ס'איז שוין צוגעמאַכט
דער דרויסנדיקער טויער,
זיי קרעכצן אין דער לאַנגער נאַכט,
ווי זקנים, נעבעך, גרויע.

נאָר ווער דערהערט, ווער פאַרנעמט
דאָס קרעכצעניש פון שטיגן? —
שווייגן די צעקרומטע ווענט,
דער שווערער בייזער ריגל.

די טרעפּ לעכצן זונען־שיין,
אַ לויטערדיקן הימל
און בענקען אין וואַלד אַריין,
ווו מ'האָט קינדווייז זיי גענומען.

„ווען נישט דער וועכטער, דער אַנדריי,
וואָס היט ווען אַלע שלאָפן, —
מיר וואָלטן תיכף — קרעכצן זיי —
אין וואַלד אַריין אַנטלאָפן".

נאָר שווערער ריגל גלאָצט און שטומט,
אַן אויג האלט אויף די נעכט ער
און מיט זיין שטעקן שפּאַנט ארום
אַנדריי, דער שלעכטער וועכטער.

1946

דער איינזאַמער פּאַרק

אַ פּאַרק איז דאָס מיט פּאַלמעס —
זקנימדיק און שלאַנק,
מיט בלומיקע אַלייעס,
אַלץ — נאָר נישט קיין באַנק.

מ׳זעט נישט דאָ קיין וועכטער
מיט וואָנצעס שטייף־פאַרדרייט;
אַ גערטנער מיט אַ שער,
וואָס פּוצט אַרום די בייט.

מ׳זעט נישט דאָ קיין יאַטן
מיט געלעכטערדיקער פרייד;
נישט קיין גרויען זיידעניו
מיט הוסטנדיקע רייד.

מ׳זעט נישט דאָ קיין באָבעניו,
וואָס קומט נאָך האַלבן טאָג
אויף אַ שטעקן אָנגעלענט
צו שטריקן דאָ אַ זאָק.

מ׳זעט קיין קינדער־וועגעלע
פאַרמיטאָג צי פאַרנאַכט,
אָדער גאָר אַ היימלאָזן
זיצן דאָ פאַרטראַכט.

ניִשט קיין אַלטע דאַמע
מיט אַ הינטעלע ביים זייט,
אָדער עמעץ מיט אַ בוך
פאַרלייענט זיך דאָ זיין צייט.

אַפילו ניִשט קיין פייגעלע,
אַ פייגעלע — אַ גר,
מיט גוטמאָרגנדיקן טריל
פאַרפליט ניִשט דאָ אַהער.

קורץ — דער פאַרק איז תמיד,
נעבעך, איינזאַם דאָ אַליין, —
יאָ, אַ מאָדנער פאַרק, כ׳לעבן,
כ׳קאָן אים ניִשט פאַרשטיין.

1941

אַ מיידעלע

אַ מיידעלע — אַ קליידעלע
ביז די קני געניים;
אַ קעפּעלע — אַ צעפּעלע,
אַ סטענגע איינגעדריים.

אַ מײלעכל — אַ קניילעכל,
אַ רויטינקע מאָרעל;
אַ זונעלע — דאָס פּנימל,
אויפגעלויכטן העל.

אייגעלעך, ווי פייגעלעך,
מיט פרימאָרגנדיקן ליד;
הענטעלעך, ווי צווייגעלעך —
קנאָספּיקע צעבליט.

אַ טעקעלע — אַ ברעקעלע,
אַ מאַנדעלע די גריים,
צום שערצעלע — דאָס הערצעלע
צוגעטוליעט היים.

אַ מיידעלע — אַ קליידעלע
ביז די קני געניים;
אייגעלעך, ווי פייגעלעך —
העלע קינדער־פרייד.

1935

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal
JEWISH PUBLIC LIBRARY

ברויט מיט חלום

איצעלע

איצעלע איז אַ פּיצעלע,
אַ ברעקעניוניע קינד,
הערעלעך — שטראָלעבלעך,
געקרויזטע פונעם ווינט.

אייגעלעך טיף־בלויאינקע,
ליפּעלעך — העל־ראָז,
בעקעלעך וויים־פּוכינקע,
אַ בעבעלע — די נאָז.

איי, איז אַ מחיה׳נקע,
ווען איצל־פּיצל לאַכט!
ס׳גריבלען זיך די בעקעלעך,
„פּיסקעלעך" ער מאַכט.

טרעפט צומאָל, אַז איצעלע
איז הונגעריק און וויינט, —
פּערלען זיך די אייגעלעך
מיט דימענטלעך באַחנט.

איצעלע איז אַ פּיצעלע,
אַ ברעקל פון אַ יאַט, —
איי, וועט עס זיין אַ בחורל,
וועט ער זיין אַ כוואַט.

1936

אינהאַלט:

	זייט
פאָרוואָרט פון חיים פינקעלשטיין	5
פענער	7
עלנט	8
ברויט מיט חלום	9
הערש־דודל	11
בייגעלעך	13
דאָס שוסטערל	14
א יינגעלע פון פוילן	15
שיכעלעך פון געטאָ	17
תפילה צו אַ פייגעלע	19
אָרעמקייט	20
דער אינדיאַנער און זיין קינד	22
טשאָלאָ	24
א יינגל פון טאַנטי	26
קאַץ, קעצל	28
ביל נישט, הינטל	29
קאַלב, קעלבעלע	30
טרעפּ	31
דער איינזאַמער פּאַרק	32
איצעלע (פאַרן קינדער־גאָרטן)	34
א מיידעלע (פאַרן קינדער־גאָרטן)	35

966